דער בלעטל
# טיב הקהילה
אויף אידיש
יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

במדבר
כ"ט אייר תשפ"ג

☚ די צייטן לויט אופק ירושלים ☛

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 6:56 |
| מוצש"ק | 8:13 |
| ר"ת | 8:50 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:15 | סוז"ת א' | 9:41 |
| סוזק"ש ב' | 9:04 | סוז"ת ב' | 10:15 |

| די צייטן לויט די זומער זייגער |

גליון מס': לא

## טיב הפרשה

# דער כח פון א גוטע סביבה

אין די וואכעדיגע פרשה לערנען מיר איבער די ערטער וואו כלל ישראל האט גערוט אין די מדבר צווישן איין נסיעה און די צווייטע. די תוה"ק דערציילט אונז וואו יעדער שבט האט גערוט און אז די בני קהת האבן גערוט נעבן שבט ראובן און אזוי אויך אז די שבטים יששכר און זבולון האבן גערוט נעבן די שבט יהודה.

ווי מיר ווייסן שוין איז דא רמזים אין יעדע זאך וואס עס שטייט אין די תוה"ק. רש"י אויפן ארט שמועסט אויס אז פון דא דערקענט זיך די **נושא פון די שכנים**. די בני קהת זענען געווען שכנים פון בני ראובן און די בני יהודה זענען געווען שכנים פון יששכר וזבולון און מען זעט דא דער נושא פון אוי לרשע ולשכינו און פארקערט דער טוב לצדיק וטוב לשכינו, ווייל דתן ואבירם זענען געווען מיטגלידער פון שבט ראובן און ביי די מחלוקת פון קרח האבן זיי געארבעט צוזאמען מיט קרח וועלכער איז געווען פון די בני קהת און דער טוב לצדיק וטוב לשכינו זעט מען פון די בני יהודה און די בני יששכר ווייל פון די בני יששכר זענען ארויסגעקומען די בני בינה און פון יהודה די מחוקקים.

די ווערטער פון חז"ל פאדערן אז יעדער פון אונז זאל זיך מתבונן זיין אין זיי. מען לערנט ארויס פון זיי די נושא פון שכינות און חברים און וויפיל כח עס ליגט אין א חבר'שאפט און ווי גרויס עס איז דער כח אז מען איז צוגעבינדן צו צדיקים און דאגעגן די שלעכטס אויב מען איז דבוק אין רשעים.

**מען רעדט דאך דא פון גרויסע מענטשן.** די בני קהת זענען געווען די נושאי הארון. זיי זענען געווען די שפיץ פון די בני לוי און מיט דעם אלעם איז זיי נישט בייגעשטאנען די זכות און זייער אויסטערלישע קדושה און זיי זענען געווארן נאכגעשלעפט נאך זייערע שכנים און זיי זענען אנגעקומען צו וואו זיי זענען אנגעקומען.

די נקודה זאגט פאר אונז זייער אסאך. עס איז אונז מחייב זיך אומצוקוקן און זען וואו מיר דרייען זיך און מיט וועמען מיר האבן שייכות און אין וועלכע שול מיר געהערן און אפילו ווען מען געהערט שוין צו א קהילה איז אויך דא צומאל אין די קהילה געוויסע גרופעס און מען דארף זיין געווארנט צו זיין שייך צו די גוטע גרופע, **ווייל די השפעה פון א גוטע גרופע איז מורא'דיג שטארק.**

א טייל פון די טעגליכע בקשות וואס מיר בעטן ביי השי"ת איז די תפילה פון צופרי אז השי"ת זאל אונז מציל זיין פון א שכן רע און א חבר רע. מען בעט עס ביי הקב"ה אבער נישט

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

### - ♦ כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ ♦ -

א גרופע משקיעים, אינוועסטידער, גייען אינעם וויסטן מדבר, א טריט נאך א טריט, אויפן וועג צום גרויסן גאלדן-גרוב, וואס דארט פלאנען זיי צו זאמלען אסאך גאלד און בריליאנטן און רייך ווערן. די וועג איז מורא'דיג שווער, עס געדויערט אזוי לאנג, און די גרופע ווערט אויסגעמוטשעט. דער זון האט געקנאקט איבער זייערע קעפ, און נאך פארשידענע שטרויכלונגען האבן זיך געשטעלט אין זייער וועג, אבער דער געדאנק איבער דאס וואס ווארט זיי אפ ביי זייער ציל, האט אריינגעבלאזן אין זיי כח ווייטער צו גיין צום גרויסן ציל.
נאכן גיין מער ווי האלב פונעם וועג, ווען זיי האבן אנגעהויבן פילן זייער פארמאטערט, האט דער וועג-ווייזער זיך אנגערופן צו זיי: לאמיר אריינגיין צום הויז פונעם פריערדיגן משקיע, וועלכער איז שוין דא געקומען פאר אונז, און מיר וועלן זען זיין הויז און זיין רייכקייט! די גרופע האט זיך נישט געלאזט לאנג בעטן, און זענען ארויפגעגאנגען ביי יענעם אין הויז, וואו זיי זענען מורא'דיג באגייסטערט געווארן פונעם הערליכן הויז און געוואלדיגע רייכקייט.
ארויסגייענדיג פונעם הערליכן הויז, האבן זיי געפילט אז זיי האבן באקומען נייע כוחות, און צוזאמען האבן זיי זיך ארויסגעלאזט **מיט פרישע כוחות** צו אנקומען וואס שנעלער צו זייער ציל – צום גאלדן-גרוב.
די טעג פון ספירת העומר, זענען טעג פון צוגרייטונג צו קבלת התורה, ווען מיר גייען ארויס פון די מ"ט שערי טומאה און מיר גייען אריין אין די שערי הקדושה, און יעדן טאג קומען מיר אן א שטאפל נענטער צום גרויסן ציל, וואס דאס איז קבלת התורה. **נאכדעם וואס מיר זענען דורכגעגאנגען מער ווי האלב פונעם וועג, זענען מיר אנגעקומען צום יומא דהילולא פון רבי שמעון בר יוחאי, און מיר זענען צוגעגאנגען אביסל נענטער, צו זען און שפירן דעם טעם פון די תורה, און דער טעם פון זיך פלאגן אין די תורה.**
מיר האבן געליינט, געהערט און געלערנט וועגן רבי שמעון בר יוחאי, זכותו יגן עלינו, און אויף זיין וואונדערליכן לעבן, וואס דער שפיץ דערפון איז לכאורה זיין הבטחה אז "לא תשתכח תורה מישראל". און ווען מיר זעען די פילע הונדערטער טויזנטער אידן וועלכע זענען ארויפגעגאנגען קיין מירון אום ל"ג בעומר, און אויך איבער די גאנצע וועלט, וואו עס געפינען זיך נאר אידן, צייכנט מען אפ דעם טאג דורכן אנצינדן הדלקות, און מען שפירט א נאנטקייט צום אויבערשטן דורכן ווערן נתעלה אין תורה און עבודת ה'.
דאס אלעס, און אסאך מער פון דעם, איז פונעם שכר פון רבי שמעון בר יוחאי, וואס ער איז געווען נאה דורש ונאה מקיים, לערנענדיג תורה, אליין און מיט אנדערע, מיט מסירת נפש, כדי שלא תשתכח תורה מישראל. און אויך אויב א טויט-געפאר האט געשוועבט העכער אים, און אויך ווען גאנצער קערפער איז געלעגן אין ערד, האט ער נישט אויפגעהערט צו לערנען.
אין די ביסל טעג וואס זענען נאך געבליבן ביז צום הייליגן יו"ט פון מתן תורה, וועלן מיר ווייטער ארויפגיין מיטן גאנצן פרישקייט צום בארג, צום גאלדן-גרוב, צום קבלת התורה, געדענקענדיג די הבטחה פון רבי שמעון בר יוחאי, אז די תורה וועט נישט פארגעסן ווערן פון אידישע קינדער, "כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ".
(עפ"י שיחותיו של מורנו הרב שליט"א)

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

טיב ההודעות

זמנים
אויף קבלת קהל
0534-100024

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

אלעמאל ווייסט מען **וויפיל כוחות מען דארף אריינלייגן אין די תפילה.**

א שלעכטער חבר האט א מורא'דיגע כח. די סביבה פון א מענטש האט אן אויסטערלישע השפעה. אמאל איז עס מיט א פולקאמער חבר'שאפט און אמאל איז עס מיט א ווארט אבער די ווארט גייט אריין אין די ביינער און עס בעאיינפלוסט דעם מענטש לטובה און צומאל פארקערט.

מיין מאמע ע"ה פלעגט צוזאגן אז אין דער אלטער היים אין פוילן איז געווען א ווארט אז דו דארפסט מיר נישט זאגן ווער דו ביסט – זאג מיר נאר ווער דיינע חברים זענען און לויט די חברים וועל איך שוין וויסן ווער דו ביסט.

אן ענליכע ווארט פלעגט מען זאגט אינדערהיים, אז ענדערש ווי מען זאל דאווענען פאר דיין קינד זאל מען דאווענען פאר די חברים פון דיינע קינדער, ווייל אז דיין קינד וועט האבן גוטע חברים וועט ער אויטאמאטיש זיין גוט.

עס האט מיר דערציילט א איד אז זייענדיג אין די בר מצוה יארן איז ער אריין צום גערער רבי דער בית ישראל זי"ע נעמען א ברכה לכבוד דער בר מצוה און הערן אביסל הדרכה. זייענדיג אינעווייניג האט דער גערער רבי א גאנצער צייט גערעדט איבער די וויכטיגקייט און די חשיבות פון האבן גוטע חברים און אים אנגעווינטשן **אז ער זאל זוכה זיין צו לעבן אין א גוטע סביבה.**

האט דער איד דערציילט אז בשעת מעשה האט אים די זאך אביסל פארדראסן. ער האט נישט געקענט פארשטיין פארוואס דער רבי רעדט אזויפיל איבער חברים און ווינטשט אים איבער חברים, נאר יארן שפעטער האט ער געכאפט וואס דער רבי האט אים דעמאלטס געזאגט און וויאזוי די ברכה און די דברי הדרכה האט בשעתו געראטעוועט זיין רוחניות'דיגער עתיד און אים געשטעלט אויפן פלאץ.

עס איז ידוע דער מאמר חז"ל אויף די אנשי ירושלים אז זיי פלעגן זיך נישט זעצן צו א סעודה ביז ווען זיי האבן געוואוסט ווער עס זיצט מיט זיי צוזאמען. די אנשי ירושלים האבן געוואוסט אפצושאצן די כח פון זיצן מיט אומערליכע אידן און וויאזוי עס איז משפיע אויף יעדן פון זיי.

אבער עס איז נישט גענוג אז מען ווייסט זיך אפצוהיטן פון אנדערע און פון צו זיצן מיט נישט ערליכע אידן, נאר מען דארף אויך זוכן די פארקערטע פון דעם.

די שטרעבן פון א איד דארף זיין צו זיין דבוק אין צדיקים און אין אנשי מעלה. א איד דארף אויסזוכן יעדע געלעגנהייט צו זיין בקרבת פון ערליכע אידן און צו הערן זייערע דברי תורה, זיך מתבונן צו זיין אין זייערע וועגן און זיך אפלערנען פון זיי און זיך מבטל צו זיין אונטער זיי און מקבל זיין פון זייער הנהגה, מיט א שטארקער ביטול, אן קיין שום התחכמות.

די תועלת וואס מען האט פון דעם איז אומשאצבאר. אויסער וואס מען פארדינט פון דעם אין א פריוואטער וועג וועט מען אויך פארדינען פון דעם אז ווען די קינדער וועלן זען אז מען איז דבוק אין ערליכע אידן און מען זוכט זייער קירבה, אז מען האלט חשוב ערליכע אידן, וועלן זיי אויך וועלן אויסוואקסן ווי די ערליכע אידן.

איך האב געהערט אמאל פון איינעם אז ער האט מיט די דערמאנטע געגעבן צו פארשטיין די ערשיינונג אז מען זעט צומאל ווי די קינדער פון גרויסע ראשי ישיבה און משפיעים זענען נישט אזוי ווי זייערע עלטערן, און קעגן דעם זעט מען אז פון פשוט'ע אידן קומען ארויס גרויסע און חשוב'ע קינדער.

**דער זאך איז א פלא עצום!** ווייל די גדולי הדור זענען צומאל אזוינע וואס טויזנטער גייען אין זייערע וועגן און האבן זיך אפגעלערנט פון זייערע דרכים, און מען קען נישט פארשטיין פארוואס זייערע קינדער זאלן נישט זיין ווי זיי אליין.

נאר, האט יענער געגעבן צו פארשטיין, אז עס האט שייכות מיט דער דערמאנטער דערהער. עס געשעט אסאך מאל אז אויף די גרויסע ראשי ישיבה וגדולי הדור ליגט דער גרויסער עול פון פירן די ישיבה און דער עול רעכנט אריין אויך די שווערע עקאנאמישע לאסט און צו דעקן דער גרויסער לאסט זענען זיי אנגעבינדן אין די עשירי עם און ווייזן זיי ארויס דרך ארץ און זענען בידידות פון די גרויסע עשירים, **און די קינדער זען די חבר'שאפט און די שעצונג וואס דער ראש הישיבה אדער דער גדול צייגט ארויס פאר די עשירים און ער לערנט זיך אפ פון דעם.**

צו דער ראש הישיבה אדער צו דער גדול הדור קען מען נישט קומען מיט א טענה. זייער כוונה איז געווען א גוטער. ער האט עס געטון בלתי להשם לבדו. זיין מטרה איז געווען צו קענען בויען תורה און פרישע ישיבות, אבער בפועל וואס זעט דער קינד? ער זעט ווי זיין טאטע לויבט אויס געלט, ער בארימט זיך מיט די עשירים און דאגעגן איז דער לומד תורה א שוואכער און א נעבעך, ווייל ער האט נישט קיין געלט, און די מסקנא וואס ווערט איינגעקריצט ביי אים, אן וואס ער זאל עס אינזינען האבן, איז ליידער ביטער.

דאגעגן איז דא די פארקערטע ערשיינונג. דער פשוט'ער איד וואס האט נישט קיין נייגונג צו קיין עשירים. ביי אים האט די געלט נישט קיין שום חשיבות און ער שעצט נאר די תורה, דער תלמיד חכם, און ווען די קינדער זעען עס צו און לערנען אפ וואס עס פארנעמט א פלאץ ביי זייער טאטע, ווער איז דער ארויפגעקוקטער, לערנט ער זיך אפ פון דעם און דאס גייט אריין ביי אים אין קאפ.

זאל הקב"ה העלפן אז מען זאל זוכה זיין מחנך צו זיין אונזערע קינדער אזוי ווי עס דארף צו זיין און אריינפלאנצן אין זיי תורה מיט מעשים טובים און זיי זאלן וואקסן לתורה וליראת שמים.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

### געשריבן דורך לייענערס

## אראפ דער עול דרך-ארץ

שוין עטליכע יאר האב איך זיך געמאכט א סדר אז דורכאויס די טאג זיץ איך און איך לערן, און ביינאכט בין איך עוסק אין פרנסה.

איך באשעפטיג זיך מיט די אלטערנאטיווע היילונג עס רעכנט אריין די כינעזער סארט וועג פון היילן, ווי כינעזער רפואות א.ג. זאכן וואס מען האט געלערנט ביי זיי.

שטייענדיג אין די טעג פאר קבלת התורה ווען עס איז דא אן ענין פון צולייגן תורה צו די געווענליכע שעה'ן האב איך געזוכט וואו איך קען מוסיף זיין תורה, און איך האב ביי מיר באשלאסן **אז איך גיי אראפציפן צייט פון די שעה'ן וואס איך ארבעט אין די קליניק, און לערנען אין זיי.**

עטליכע טעג האב איך זיך אזוי געפירט. ווי עס האט מיר אויסגעזען, האב איך שאדן געהאט געלט פון אזא התנהגות, אבער איך האב זיך געפריידט אז איך קען זיצן און לערנען.

אבער פון הימל האט מען מיר געוואלט ווייזן אז אפילו בגשמיות איז מען נישט מפסיד פון לערנען תורה, און עטליכע טעג נאכדעם וואס איך האב אנגעהויבן אזוי זיך צו פירן, האט מיינער א קליענט אריינגעקלינגען און **באשטעלט ביי מיר א גרויסער ארדער פון אלע ערליי כינעזער מעדיצינען.**

זייענדיג א גרויסער ארדער האט עס אריינגעברענגט אסאך געלט, און איך בין ארויס מיט ריוח, אסאך מער ווי איך וואלט ווען פארדינט ווען איך וואלט געארבעט אין די קליניק דורכאויס די צייט וואס איך האב געלערנט.

האב איך געזען מיט א קלארקייט וויאזוי פון צולייגן תורה אויפן חשבון פארדינט מען נאר.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# טיב המעשיות

# ענוה ושפלות – זיין הפקר ווי א מִדְבָּר

**וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה בְּמִדְבַּר סִינַי (א, א)**

עס שטייט אין פסוק: "וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה בְּמִדְבַּר סִינַי וגו'" (א, א). און אין מדרש רבה (א, ז) שטייט, אז ווער עס מאכט זיך נישט הפקר אזוי ווי א מדבר, דער קען נישט קונה זיין די חכמה און די תורה, דעריבער זאגט דער פסוק "במדבר סיני".

-> • <-

עס האט מיר דערציילט הרה"צ רבי אלי' ראטה זצ"ל, דער געטרייער משמש און תלמיד פון הרה"ק רבי שלמה זוועהילער זיע"א, עטליכע הייליגע עובדות, פון וואס מען זעט די געוואלדיגע ענוה און שפלות פון זיין גרויסן רבי'ן. **ווי ער פלעגט זיך ממש מאכן ווי הפקר, ווי א מדבר, ממש פאר יעדן איינעם, זייענדיג בטל ומבוטל ביי זיך אליין, אויף אן אומגלויבליכן אופן!!!**

איינמאל אין אן ערב שבת קודש, האט ר' אלי' באגלייט דעם רבי'ן צום מקוה, און דער רבי האט זיך אויסגעזוכט עפעס א שטילן ווינקל אוועקצולייגן זיינע זאכן. פלוצלונג איז איינער אריינגעקומען אין מקוה, און יענער איז געווען זייער אויפגערעגט און אומגעדולדיג, פול מיט טענות. ווען יענער האט געזען אז דער הייליגער רבי געפינט זיך אויך דא, האט ער באשלאסן אויסצוגיסן זיין גאנצן כעס און ביטערניש דווקא אויפן רבי'ן. ער האט אנגעהויבן שרייען און באזידלען דעם רבי'ן אן קיין שום בושה, אויף אלע מיני זאכן וואס האט גארנישט געהאט צו טון מיט אים. דער רבי האט פון זיין זייט זעלבסטפארשטענדליך גארנישט געענטפערט, נאר געשוויגן.

ווען דער איד האט געזען אז זיינע געשרייען בארירן גארנישט דעם רבי'ן, האט ער געהעכערט דעם טאן פון זיין געשרייען אלס העכער און העכער, ביז ער האט ממש געשריגן אויף אים, מיט אלע סארטן שווערע ווערטער, פאר א לענגערע צייטן, אן אויפהער. ער האט אמת'דיג שטארק פארשעמט דעם רבי'ן, רופנדיג אים מיט אלע סארטן שאנד-נעמען, אזוי פאר יעדן איינעמ'ס אויגן און אויערן.

און דער רבי? מיט זיין געוואלדיגע מידה פון ענוה און שפלות, האט ער געשוויגן, און אפילו נישט געמאכט קיין שום באמערקונג. אויף אזוי ווייט האט ער זיך געמאכט הפקר ווי א מדבר, אז לויט זיין רעאקציע האט עס אויסגעזען אז מען מיינט בכלל נישט אים, און אז שפירט נישט דערפון קיין שום שאנד!

אויפן וועג אהיים פון די מקוה, צוזאמען מיט ר' אלי', האט אים דער רבי געבעטן, אויב ער וואלט געקענט צוגיין צום הויז פון ר' פלוני, וועלכער איז געווען א פארמעגליכער איד, און אים בעטן הלוואה פון א שיינעם סכום געלט, וויבאלד דער רבי דארף עס יעצט וויכטיג האבן, נאך פאר שבת קודש.

ווי א פייל פון בויגן איז ר' אלי' געלאפן ערפילן דעם באפעל און וואונטש פונעם רבי'ן, און וויבאלד דער איד האט גוט געקענט דעם רבי'ן, האט ער גלייך צוגעשטימט, און אראפגעלייגט דעם פולן סומע וואס דער רבי האט געוואלט בארגן.

ווען ר' אלי' איז צוריקגעקומען מיטן פעקל געלט, ווי פארוואונדערט איז ער געווארן הערנדיג ווי דער רבי טוט אים באפעלן דאס פאלגנדע בקשה: **גיי שוין צום הויז פון יענעם איד, וואס האט מיר היינט פארשעמט אין מקוה, און געב אים אוועק דעם גאנצן סכום געלט וואס דו האסט יעצט געשאפט!**

הערנדיג דאס, איז ר' אלי' געבליבן ערשטוינט, נישט גלייבנדיג וואס זיינע אויערן הערן. און ער האט געפרעגט דעם רבי'ן: אזוי ווייט איז דער גרעניץ פון צוברעכן די מידות? ווייל ער האט פארשעמט דעם רבי'ן און זיך אויפגערעגט, קומט זיך אים אזא שיינעם געשאנק? דער רבי האט דאך אפילו נישט פון וואו צוריקצוגעבן דעם הלוואה?

האט אים דער רבי געענטפערט מיט א שמייכל: **דו דארפסט פארשטיין! אויב א איד קומט ערב שבת אין מקוה און ער פירט זיך אזוי אויף, זעט אויס אז ער האט נאכנישט פאר צרכי שבת... אויב אלעס וואלט שוין געווען גרייט ביי אים אינדערהיים אויף שבת קודש, וואלט ער זיך נישט אזוי געפירט...**

פון די מעשה זעען מיר, די געוואלדיגע מדת השפלות פונעם הייליגן זוועהילער רבי. ווי שטארק ער האט זיך אריינגעלאזט אין די טיפענישן פון דעם נפש פון אן אנדער איד, צו זען און פארשטיין וואס עס פעלט אים, און ער האט בכלל נישט געטראכט פון דעם וואס ער האט אים אזוי שטארק פארשעמט.

[קונטרס טיב המעשיות ח"ה דף יד]

-> • <-

עס איז באוואוסט דעם געוואלדיגן שפלות און ביטול וואס דער הייליגער רבי שלמה, באוואוסט אלס רבי שלאָמקע זוועהילער זי"ע, ווי צום ביישפיל, אז אין זיין הויז האבן זיך אלעמאל געפינען קעץ, וואס האבן זיך געדרייט דארט אזוי ווי עס וואלט געווען זייער אייגן הויז, און ער אליין האט זיי צוגעשטעלט עסן.

און ר' אלי' ז"ל האט מיר דערציילט, אז איינמאל ווען דער רבי זצוק"ל איז געלעגן אין בעט, האט ער אים געבעטן אז ער זאל אים דערלאנגען דעם ספר וואס ער פלעגט לערנען אין דעם פארן גיין שלאפן. האט זיך ר' אלי' געוואונדערט אויפן רבי'נס פארלאנג, אינדערצייט וואס יעדן טאג נעמט דער רבי אליין דעם ספר? ווייל אזוי האט ער זיך געפירט, אז וואס ער האט נאר געקענט טון אליין, האט ער נישט געבעטן פון אן אנדערן.

ווען דער רבי האט באמערקט זיין שטוינונג, האט ער אביסל אויפגעהויבן דעם דעקע, און אים געוויזן אז דארט ביים עק פונעם בעט שלאפט א קאץ... און אויב וועט ער אליין אויפשטיין פונעם בעט, וועט זי זיך מעגליך אויפוועקן און ער וועט איר גורם זיין צער, און עס שטייט דאך אין פסוק "**וְרַחֲמָיו עַל כָּל מַעֲשָׂיו**"! (תהלים קמה, ט – זע ברכות ז. און ב"מ פה.), דערפאר האט ער אים געבעטן אז ער זאל אים דערלאנגען דעם ספר...

[קונטרס טיב המעשיות ח"ה דף טו]

-> • <-

ווען מען האט מציע געווען פארן זוועהילער רבי'ן זי"ע, צו בויען פאר זיינעטוועגן א בית המדרש און מקוה אין ירושלים עיר הקודש, האט ער געהאט מורא'דיג צער און יסורי הנפש פון די גַּדְלוּת וואס איז אים אונטערגעקומען, און ער האט שטארק מורא געהאט אז ער וועט זיך דארפן פירן ווי א רבי, און פירן א רבי'שע הויף און א בית המדרש – ווי באוואוסט פלעגט רבי שלאמקע זאגן אז די רעביסטעווע האט ער איבערגעלאזט אין זוועהיל, און איז ארויפגעקומען קיין ארץ ישראל ווי א פשוט'ער איד, אזוי ווי א מדבר וואס איז הפקר פאר יעדן איינעם!

אין יענע טעג האט ער באגעגנט דעם ראחמיסטריווקער רבי זצוק"ל (דער טאטע פון רבי יוחנן זצ"ל, וועלכער האט געוואוינט דא אין ירושלים עיר הקודש), און ווען ער האט אים געפרעגט וויאזוי ער פילט זיך, האט אים רבי שלאמקע געענטפערט: **צו מיין גרויס צער, בין איך נאכגעיאגט מיט יסורים פון כבוד... ביז היינט האב איך געדאוונט אינעם אונגארישן שול אין די אונגארישע הייזער, און עס איז מיר דארט גוט געווען, איך האב געדאוונט אזוי ווי יעדן איינעם... אבער יעצט וויל מען מיר בויען א בית המדרש און א מקוה, און איך האב דערפון יסורים פון כבוד...**

-> • <-

איינמאל איז נפטר געווארן אַן אייניקל פון שלמה זוועהילער זצוק"ל, א טאכטער פונעם זון פון דער רבי, רבי גדלי' משה זצוק"ל.

אין די זעלבע צייט האט מען געמאכט עטליכע ענדערונגען אינעם רבי'נס הויז, און מען האט מסדר געווען פאר אים אן עקסטערן צימער מיט א באזונדערע אריינגאנג פאר קבלת-קהל, ווייל די בני בית פונעם רבי'ן האבן גע'טענה'ט אז עס פאסט נישט אז אלע איינוואוינער פונעם רבי'נס הויז זאלן אלעמאל מיטהאלטן און מיטלעבן אלע צרות פון אלע מענטשן וואס קלאפן אריין ביים רבי'ן.

דאס איז אבער נישט געווען צום הארצן פונעם רבי'ן, און ער האט אנגעהאנגען די פריצייטיגע פטירה פון זיין אייניקל אין דעם. אז וויבאלד ער האט געלאזט מאכן אזא "לוקסוס" אין זיין הויז, אז מען זאל צולייגן אן עקסטערן צימער פאר קבלת קהל... און איך בין דאך נישט קיין רבי, און איך דארף נישט האבן קיין צימער פאר קבלת-קהל... איך בין א פשוט'ער איד, און די מענטשן וואס ווענדן זיך צו מיר, דארפן אנקומען צו מיר פונקט אזוי ווי עס איז איינגעפירט אין יעדער נארמאלער הויז, אז מען קלאפט אן אין טיר, און מען בעט אז מען וויל רעדן מיט בעל הבית...

און גלייך נאך די פטירה פון זיין אייניקל, נאך איידער די לויה, **האט דער רבי געהייסן אראפנעמען דעם צימער, און עס צוריקשטעלן צום פריערדיגן מצב, וואס ער פלעגט אויפנעמען דעם קהל ביי אים אין הויז.**

[קונטרס טיב המעשיות ח"ה דף טז]

-> • <-

פאר א שטיק צייט, איז דער באוואוסטער גאון מוהר"ר שבתי ווינגדער זצ"ל, געגאנגען אנגעטון מיט אן אלטן אפגעריבענעם הוט, יעדן מאל וואס ער האט אנגעטון דעם הוט האט ער עס געלייגט אויף אן אנדער וועג, ביז די הוט האט פארלוירן איר נארמאלע אויסזען.

האט אים איינער פון זיין בית המדרש געפרעגט: פארוואס קויפט נישט דער רב א נייעם שיינעם הוט, אזוי ווי עס פאסט פאר א חשוב'ער רב? ער האט אויך צוגעגעבן, אז אויב דער רב וועט אויסזען מער מכובד'יג וועט ער האבן א שטארקערע השפעה, אויב אזוי פארוואס גייט ער מיט

| המשך אין עמוד ד' |>

אזא אלטע הוט?

האט אים דער רב געענטפערט: **אוי ווי! אויב דער קאפ וועט ליגן אינעם הוט, וויאזוי וועט דער רבי שבתי אויסוואקסן?**

[דאס הייסט, אויב דער קאפ וועט אלעמאל טראכטן וויאזוי זעט אויס די הוט וואס דעקט אים צו, קומט אויס אז דער קאפ איז אריינגעגאנגען אינעם הוט, און נישט די הוט באדינט דעם קאפ, נאר דער קאפ באדינט די הוט... זייענדיג פארנומען אינגאנצן מיט שטותים און נארישקייטן, און ער פארגעסט אינגאנצן פונעם תכלית, און דער חובת האדם בעולמו...]

[קונטרס טיב המעשיות ח"ה דף יג]

->•<-

איינער פון די רבנים פון ירושלים, פלעגט זיך פירן אז יעדן מוצאי שבת קודש פלעגט ער איבערגעבן א מוסר־שמועס אין א ישיבה אין די שטאט פון בית שמש, לויטן פארלאנג פון די תלמידי הישיבה וועלכע זענען געווען צמאים לדבר ה', אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים כז, ד): "אַחַת שָׁאַלְתִּי מֵאֵת ה', אוֹתָהּ אֲבַקֵּשׁ שִׁבְתִּי בְּבֵית ה' וגו'".

איין וואך, האט מען געקלינגען צום רב פון די ישיבה, אז ווייבאלד דעם שבת זענען די בחורים נישט געווען אין ישיבה, וועלן די וואך ביי מלוה־מלכה נאר זיין פיר בחורים, און עס איז א שאד אז דער רב זאל זיך מטריח זיין צו פארן מוצאי שבת פון ירושלים קיין בית שמש, אינדערצייט וואס די ישיבה איז כמעט ליידיג.

פונדעסטוועגן האט זיך דער רב איינגע'עקשנ'ט, און האט זיך משפיל געווען אזוי ווי א מדבר, און איז אהינגעפארן איבערצוגעבן דעם וועכנטליכן שיעור, כאטש דאס פאָרן איז אים בכלל נישט אנגעקומען גרינג.

ווען ער איז אנגעקומען צו די ישיבה, האט ער זיך אוועקגעזעצט מיט די פיר בחורים וואס זענען דארט געווען, וועלכע האבן זיך זייער שטארק געוואונדערט, פארוואס האט זיך דער רב אזוי מטריח געווען נאר פאר פיר בחורים?

האט דער רב געזאגט צו זיי: הערט זיך גוט איין! ווען מיין טאטע איז געווען אכט יאר אלט, איז ער פאר'יתומ'ט געווארן ל"ע פון זיין טאטע און מאמע, און יעצט, זייענדיג ארום אכציג יאר אלט, האט ער ארום טויזנט אייניקלעך און אור־אייניקלעך, כן ירבו. פון איין איינציגער מענטש איז געווארן א שבט פון טויזנט מענטשן! פונקט די זעלבע, קוק איך אן יעדער איינער פון אייך, אזוי ווי טויזנט מענטשן, אזוי אז איך בין יעצט געקומען רעדן פאר פיר טויזנט מענטשן! ווייל די אחריות וואס ליגט אויף יעדן איינציגן פון אייך, קען האבן א השפעה אויף טויזנט מענטשן...

און די בחורים האבן שפעטער דערציילט, אז יענעם שמועס וואס דער רב האט איבערגעגעבן פאר זיי אין יענעם מוצאי שבת קודש, האט געהאט א געוואלדיגע השפעה אויף זיי, און איז געבליבן אויסגעקריצט אויף זייער הארץ, זעענדיג ווי דער גרויסער רב, האלט זיי אזוי חשוב, אז ער איז געפארן ספעציעל פון ירושלים קיין בית שמש, כדי צו רעדן דווקא מיט זיי, פיר בחורים, ווערטער פון חיזוק, זיי צו דערנענטערן צום טאטן אין הימל, און זיי דערנענטערן צו זייער נשמה, און צו זייער תכלית אויף דער וועלט.

[קונטרס טיב המעשיות ח"ה דף ל]

->•<-

עס האט מיר דערציילט א טייערער איד פון דא אין ירושלים עיר הקודש, אז צום באדויערן איז נישט געווען קיין שלום ביי אים אין הויז. איין טאג האט זיין ווייב זיך שטארק אויפגערעגט אויף אים, און אים זייער שטארק באפאלן מיט שווערע ווערטער. דער איד איז ארויסגעגאנגען פון הויז מיט גרויס צארן, און זיך ארויסגעלאזט אויף א וויכטיגע נסיעה קיין בני ברק.

ווען דער אויטאבוס האט זיך דערנענטערט ארויסצופארן פון שטאט, האט זיך אויסגעשפרייט פאר זיינע אויגן די פילע מצבות אויפן "הר המנוחות" בארג. אזוי קוקנדיג אויף די טויזנטער מצבות אויפן בארג, האט ער זיך פלוצלונג געכאפט, אז אין אמת'ן לעבן מיר דאך דא אויף דער וועלט נאר פאר א באשטימטע צייט... מען בלייבט דאך נישט לעבן אויף אייביג... קומט דאך אויס, אז זיין גאנצן פראבלעם וואס ער האט מיט זיין ווייב, און דאס אז עס פעלט שלום צווישן זיי, איז א פראבלעם וואס גייט אריבערגיין, עס איז נאר צייטווייליג, ווייל יעדער זאך אויף דער וועלט האט א סוף, און מען דארף נישט מאכן קיין גרויסן עסק דערפון...

**אויפאמאל האט ער פארשטאנען ווי נישטיג דער מענטש איז אויף דער וועלט, און אז דאס וואס האט צו טון מיטן אייביגן לעבן, איז אסאך וויכטיגער ווי די גאנצע שלום בית... אט דער געדאנק האט אריינגעבלאזן אין אים א וואונדערליכער געפיל פון רואיגקייט און מנוחת הנפש, און זיין גאנצן כעס איז מיטאמאל פארשוואונדן געווארן. ער האט גלייך גענומען אויף זיך צו מוותר זיין אויף אלעס, און זיך צו ברעכן זיינע מידות, און זיך דערנידערן אזוי ווי א מדבר וואס איז הפקר פאר יעדן איינעם, און דער שלום האט זיך צוריקגעקערט צו זיין הויז מיטן אויבערשטנ'ס הילף.** [זע טיב השידוכין (פ"ד אות ה'), אז די בעסטע סגולה פאר הצלחה מיט שלום בית, ווענדט זיך אין דאס צוברעכן די מידות און דער כח פון מוותר זיין און שענקען, זע דארט באריכות].

[קונטרס טיב המעשיות ח"ד דף יח, וח"ה דף לב]

->•<-

הרה"ק רבי דוד'ל בידערמאן זצוק"ל, דער לעלובער רבי פון ירושלים עיר הקודש, איז אמאל אריינגעגאנגען אין א בית המדרש אין ירושלים עיר הקודש, וואו ער האט באגעגנט א חתן וועלכער האט אויסגעזען פון א רייכע משפחה, זייענדיג אנגעטון מיט הערליכע גלאנציגע קליידער פון קאפ ביז פוס, מיט א שיינעם נייעם קאפטן, אנדערש ווי דער שטייגער אין יענע צייטן, וואס מערסטנס חתנים פלעגן איבערנעמען אלטע קליידער וואס מען האט אביסל באנייט צו די חתונה. אויפן קאפ איז דער חתן געגאנגען אנגעטון א הערליכן שטריימל, און פון זיין קעשענע האט זיך ארויסגעשטעקט די קייטל פון א טייערן גאלדענעם זייגער.

זעענדיג ווי דער חתן דרייט זיך אהין און אהער מיט זיינע טייערע קליידער, דרייענדיג זיינע פיאות מיט גרויס חשיבות, און פון צייט צו צייט נעמט ער ארויס דעם טייערן זייגער פון קעשענע און קוקט דערויף מיט ליבשאפט, און ווי עס זעט אויס האט ער זייער הנאה פון אלע זיינע טייערע זאכן...

איז דער לעלובער רבי צוגעגאנגען צו אים, און מיט אן איידעלן שמייכל האט ער געזאגט צו אים: הער אויס, טייערער חתן! איך האב אויך געהאט די אלע זאכן, איך האב באקומען אלע טייערע נייע שיינע מלבושים, אבער עס נעמט נישט לאנג, און אלעס ווערט אלט, און בליך שנעל ווערט מען ממש ווי א געווענליכער מענטש...

**אויב אזוי, פארוואס זאל מען זיך גרויסהאלטן מיט א צייטווייליגער זאך וואס גייט שנעל אוועק, נאר האלט דיך קליין, הפקר אזוי ווי א מדבר, און דער אויבערשטער וועט דיר דערהייבן!** (זע אגרת הרמב"ן זצללה"ה).

[קונטרס טיב המעשיות ח"ה דף לג]




על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

לע"נ הרב יעקב מיכאל זצ"ל בן החבר הרב ר' ישראל זצ"ל סייער נלבע"ע אלול תשפ"ב תנצב"ה

יוסף בן טילה רוזא לרפואה שלימה

האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו הרב יהודה בן שרה שיינדל והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים

שרה שיינדל בת טילה רוזה להצלחה בכל העניינים

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנ.צ.ב.ה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנ.צ.ב.ה.

גרפצ'יק טל: 02-5002321

קשת הרשת 02-6257948 info@keshet-hareshet.co.il

גל-פז

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173